# תורת אביגדור
## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון **הרב אביגדור מיללער זצ"ל**
דורך: פינחס בן-עמי, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה ע"ה**

### יום כיפור

## איינהאלטן יום כיפור קבלות

דוד איז אהיים געקומען פון שחרית ערב יום כיפור. ער זעצט זיך אוועק צו עסן פרישטאג און זאגט צו זיין מאמע "מאמי, איך בין פארטיג מיט עבירות. איך האב נישט אין פלאן צו טוהן עבירות, קיינמאל נישט! דוד'ס רבי אין חדר האט גערעדט צו די קינדער און זיי מעורר געווען דורך די טעג פון עשרת ימי תשובה צו ווערן בעסער און דוד האט עס געמיינט זייער ערנסט.

"דוד, דאס איז געוואלדיג! זאגט זיין מאמע. "איך שטאלציר מיט דיר! איך האף אז דער אויבערשטער וועט דיך העלפן צו מקיים זיין דיין קבלה ווייל דו האסט זיך אונטערגענומען א גרויסע זאך! מיינסטו דאס טאקע אמת'דיג?" פרעגט זיין מאמע.

"זיכער, מארגן איז יום כיפור מיין נשמה ווערט אינגאנצן ריין פון אלע עבירות און איך האב אפגעמאכט אז איך גיי עס מער נישט פארשמירן."

"דו ווייסט דוד, דו דערמאנסט מיך פון א מעשה וואס איך האב געהערט וועגן א מענטש מיטן נאמען שמעלקא נטע. האב איך דיר שוין אמאל דערציילט די מעשה? איין ערב שבת שמעלקא נטע קומט אהיים פון דער ארבייט און ער זעהט אז זיין ווייב איז זייער באזארגט.

"מיר האבן היבש א פראבלעם" זאגט זי מיט אן ערנסטקייט. "די פייפ אונטער די סינק האלט און איין רינען. איך האב שוין אונטער געלייגט א שיסל אבער עס פילט זיך אהן גאר שנעל."

שמעלקא נטע איז געלאפן צום שאנק, ארויס גענומען א קליינע טו"ל באקס און געטראפן די ריכטיגע צוועגל וואס ער דארף און אנגעהויבן צו ארבייטן אונטער די סינק. שמעלקא האט אמאל געקויפט א בוך וואס הייסט "פלאמבינג פאר דום-קעפ", אבער ער האט עס קיינמאל נישט געליינט. ער האט זייער ווייניג געוואוסט ווי אזוי צו זיין א פלאמבער און פאררעכטן צעבראכענע פייפס.

זיין ווייב איז דערווייל געזעצן און געזאגט תהלים אז די וואסער זאל אויפהערן צו רינען. אפאר סעקונדס שפעטער הערט זי איר מאן זאגן, אוי ווייי! אוי ווייי! רבונו של עולם - העלף מיך, איך בעט דיר! און די וואסער האט אנגעהויבן צו רינען איבער די גאנצע הויז.

"יעצט, איך דארף דיר נישט זאגן אז שמעלקא נטע'ס ווייב איז נישט געווען זייער צופרידן צו זעהן די וואסער רינען איבער די גאנצע הויז". שמעלקא נטע האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן. ער זאגט צו זיין ווייב, "איך זאג דיר צו אז פון היינט און ווייטער וועל איך זיין די בעסטע פלאמבער."

ווי אזוי פלאנסטו דאס צו טוהן?

וואס מיינסטו? דו גלייבסט מיך נישט? איך האב דיר געזאגט אז עס וועט מער נישט פאסירן. איך וועל שוין וויסן ווי אזוי צו פאררעכטן זאכן.

אבער דערנאך האט שמעלקא איינגעזעהן אז ווערטער אליין איז נישט גענוג. נאר צו וועלן טוהן א זאך ריכטיג און רעדן וועגן דעם איז זייער א גוטע אנהויב אבער עס קען נישט בלייבן ביי דעם. אויב וויל ער עפעס וויסן וועגן פלאמבינג דארף ער ארויס נעמען די בוך פון די שאנק און עס ליינען און גוט א דורך גיין.

אין די וואך'ס פרשה זאגט די תורה "למען ילמדו ויראו את ה'" - כדי דו זאלסט לערנען צו האבן יראת ה'. צו זיין ערליך און האבן יראת שמים און נישט טוהן עבירות דארף מען לערנען אסאך תורה . דורך לערנען מוסר און אריינטראכן ווי אזוי זיך צו פארבעסערן וועט מען צו קומען צו יראת שמים.

און דאס האט דוד'ס מאמע אים געזאגט: "קענסט נישט נאר זאגן 'די יאר וועל איך זיין גוט' דו דארפסט אריין לייגן ארבייט זיך צו פארבעסערן און דעמאלט וועסטו מצליח זיין."

מיר האבן אזויפיל הילף אין דער ארבייט זיך צו פארבעסרען. מיר האבן אונזערע געטרייע עלטערן, מלמדים, מחנכים און פארשידענע ספרים אויף די אידישע שפראך ספעציעל געמאכט פאר קינדער און אויב ווילן מיר אויף אן אמת זיך פארבעסערן דארפן מיר עס אויסנוצן ריכטיג און זעהן צו לערנען כאטש א ביסל מוסר יעדן טאג, און אזוי וועלן מיר קענען מקיין זיין די פסוק "למען ילמדו ויראו את ה'".

**א גוט יו"ט און א גמר וחתימה טובה!!**



כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור- פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860